פון די חשובע סאָוויעטיש־יידישע געסט אין לאָנדאָן, פּראָפ. שלמה מיכאָעלס און דיכטער איציק פעפער א.א.וו. מיר זיינען אויך אָפיציעל אָנגעשלאָסן אינ׳ן קאָמיטעט פאַרן פאָנד פון סאָוויעט־רוסלאַנד און אַרבעטן אַקטיוו מיט.

די קאָלאָסאַלע אַרבעט קאָן באַצייכנט ווערן אַלס זער גרויס, ווייל אַ אינסטיטוציע מיט אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער, מיט אַ ברייטן אַדמיניסטראַטיון אַפּאַראַט, קאָן אַפּטמאָל אַזאַ טעטיקייט נישט באַווייזן. דער פאַרדינסט פונם „פריינט פון יידיש לשון״ איז דאָס, אַז פון די אונערמידלעכע אַרבעט פון א. נ. שטענצל און דורך די צוזאַמענאַרבעט איז דערפון געוואָרן אַ עפענטלעכע קולטור־אינסטיטוציע פאַר די ברייטע קרייזן פון די יידיש רעדנדע מענטשן.

עס איז נאָך פאַראַנען אַ גרויסער אַרבעטספּלאַן אויפן קולטורעלן געביט, אָבער עס איז אָפהענגיק פון דער אינערלעכער שטאַרקייט אַזוי ווי פון דער אויסערליכער באַציאונג צו אַלעם.

מיר האָפן, אַז די ברייטע קרייזן ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט וועלן וויסן ווי אָפּצושאַצן די וויכטיקע קולטור־אַרבעט און אונטערשטיצן דורך אָנשליסן זיך, מיטצואַרבעטן און באַזונדערס דורך באַזוכן די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, וואָס קומען פאָר פון איצט אָן רעגלמעסיק אין רידינגרום, אַדלער סטריט, לאָנדאָן, א.1., מיט דער טעכנישער מיטהילף פון די באַקאַנטע קולטור־טוערין מרס. דון־יחיא. דער איינטריט איז פאַר יעדן פריי.

נאָר אַזוי אַרום וועט מעגליך זיין די אינסטיטוציע אויסצובויען אין נאָך אַ ברייטערן פאַרנעם ווי עס פאַסט זיך פאַרן יידישן לאָנדאָן.

גלייכצייטיק דאַנקען מיר דעם יידישן שעלטער, באַזונדערס, מר. מאַגדי פאַר לאָזן באַנוצן זיך מיט דעם זאַל אין די לעצטע צוויי יאָר פאַר דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט.

**אייזיק גאָלדבערג**, האָנ. סעקרעטאַר.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אדלער סטריט, א.1.—3 אַזייגער נאָכמיטאָג)

שבת, דעם 19־טן פעברואַר, וועט הרב טווערסקי האַלטן אַ פאָרטראַג: דער כוח פון תפלות. חזן ראָט וועט זינגען יידישע תפלות.

שבת דעם 26־טן, אַן הזכרה נאָך י. י. זינגער. א. מ. פיקס וועט האַלטן אַ פאָרטראַג: י. י. זינגער און זיין ליטעראַריש שאַפן. מ׳וועט פאָרלייענען פון זינגערס ווערק.

שבת דעם 4־טן מערץ, וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַ רעפעראַט: דער חסידיזם ווי אַ שעפערישער מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור.

שבת דעם 11־טן מערץ, וועט זיין ווי אַלע יאָר די טראַדיציאָנעלע שבת פורים־פייערונג פון יידישן הומאָר.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג י. נאַראָדיצקי, 131־129, קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

זעקס פענס



# פופציק יידיש-העפטלעך

## לכבוד דעם פופציקסטן העפטל

צוויי אויפגאַבן האָט זיך דאָס העפטל געשטעלט פון ערשטן טאָג אָן פון זיין דערשיינען: ערשטנס, אַז ס׳זאָל זיך טראָגן אַליין, אָן שום אונטערשטיצונגען, אָן מעצענאַטן; דער ערשטער באַדינג פון לעבנס־פעאיקייט איז „חי נושא את עצמו״! און צווייטנס, אַז יעדער געדרוקטער עקזעמפּלאַר זאָל קומען צו אַ יידיש־לייענענדיקן מענטש אין האַנט אַריין. אין תוך גענומען איז עס איינס און די זעלבע זאַך: אַז יעטווידער עקזעמפּלאַר ווערט געליינט, טראָגט זיך די אויסגאַבע ממילא. און אומגעקערט: אַז מ׳נעמט אויף זיך, נזהר צו זיין נישט מער צו נעמען פאַרן עקזעמפּלאַר, נאָר וויפיל ס׳איז אויף אים אָנגעשריבן דער פּרייז, איז מען ממילא געצוווּנגען צו האָבן אַזויפיל קונים, וויפיל מען דרוקט אָן עקזעמפּלאַרן.

דער ערשטער נומער האָט אויף זיך קיין .No נאָך נישט געטראָגן, ווייל דעמלט, ווען דער ערשטער נומער איז דערשינען סעפּטעמבער 1940, אין די ערשטע בליץ־טעג, ווען קיין יידישע צייטונג איז אַפילו נישט דערשינען, ווער האָט געטראַכט פון „גרינדן״, אָדער פון קאָנען כסדר אָנגיין מיט אַ יידיש ליטעראַריש העפטל דאָ אין ווייטשעפּעל —

מיט דעם ערשטן העפטל האָבן מיר נאָר געוואָלט, אַז די קאָנטיניואיטעט פון לעבעדיקן יידישן וואָרט זאָל ווייטער אָנגיין. פאַר אונז, וואָס גלויבן אין דער פיזיש און גייסטיקער ווירקונג פונם וואָרט בכלל, איז דאָס יידישע וואָרט די קמיע איבער אַ יידישן ישוב אים צו באַשיצן — און ווי נאָך, ווי אין יענע סכנותדיקע טעג דאָ אין אונזערע געסלעך, ווי האָבן מיר עס נויטיק געהאַט באַשיצט און באַהיט צו ווערן!

דער ערשטער נומער ווי דער ערשטער צענדליק ווייטערע נומערן האָבן בלויז ענטהאַלטן 8 זייטלעך און געקאָסט בלויז 2 פענעס. איך דערמאָן מיך: ערב ראש־השנה 1940! איך בין געקומען מיט דער גאַנצער ערשטער אויפלאַגע פון קרוב 500 עקזעמפּלאַרן אין „טילבערי״־שעלטער אַריין.

פונקט אַ שעה איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז דאָס העפטל פאַרטיק געוואָרן! בכדי שיעשה, עס ערגיץ ווו צוטראָגן און צייט נאָך צו האָבן צו לויפן נאָך אין שעלטער אַריין, איידער דאָס שיסן און באָמבעס פאַלן הייבן זיך אָן, איז שוין נישט געווען. און אויך: אויב מ׳לויפט זיך ראַטעווען מוז מען דאָך ס׳ביסל האָב־און־גוטס אויך מיט זיך מיטראַטעווען — אויב מ׳קאָן.

קורץ און גוט, איידער ס׳איז געווען נאַכט, אין משך פון קוים איין שעה,

איז די גאַנצע אויפלאַגע געווען אויספאַרקויפט — די קרוב 500 עקזעמפּלאַרן זיינען ממש צעכאַפּט געוואָרן.

יאָ, און אין יענעם ראש־השנה אויפדערנאַכט, 1940, ווען דרויסן זיינען געפאַלן באָמבעס און די געסלאַך האָבן שוין צום צווייטן מאָל געברענט, אין יענעם ראש השנה אויף דער נאַכט, איז דאָס יידישע וויטשעפּל מיר אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אין מיין האַרץ.

טויזנטער מענטשן אונטער איין באַשיצנדיקן דאַך! טויזנטער דערשראָקענע הערצער פולע מיט געבעטן! און איין פינסטער ווינקל שטייען אַ קופּקעלע פרומע יידן און דאַווענען ראש השנהדיק. אַ, ווי היים מ'איז דאָס מתפּלל דעם „זכרנו לחיים"; ווען די געפאַר הענגט אַזוי איבער יעדענס קאָפּ — ווי נאָנט איז מען דעמלט צו גאָט! און מיין האַרץ ווי נאָנט איז עס געווען מיט יעדן ייד דאָ—יאָ, מ'ווערט פאַנטאַסטיש,—אויב נישט גאָר פאַנאַטיש! — אין אַזעלכע שרעקלעכע נעכט. און וואָלט איך 10,000 העפטלעך דאָ געהאַט וואָלט איך זיי נישט אַלע פאַרצוקערט?! שטיי איך אַ קופּקעלע פרייד אין צווייטן פינסטערן ווינקל און צייל דעם פּדיון: די גאַנצע אויפלאַגע איז באַצאָלט, די גאַנצע קאָסטן, נאָך מיט אַן עודף און מיט אַ שמיצל.

דרויסן פאַלן באָמבעס. די געסלאַך ברענען, און פּנים אל פּנים מיט 10,000 דערשראָקענע יידן, מיט יידיש רייקהנדיקע יידן, טוט מיין האַרץ,—וואָס גלייבט אין כח פון וואָרט!—אַ נדר אַלצדינג צו טון, גוט צו מאַכן דעם זאַץ „לאָנדאָן פאַרוואָס ברענסטו ניִשט?" דעם זאַץ וועלכן יעדער דערמאָנט אים, ריידנדיק וועגן דער יידישער קולטור לאַגע דאָ.

גלויבסטו אין כח פון וואָרט,—רייד איך צו מיר,—ווי די מתפּללים אין זייערע תּפילות? טאָ געפין אַזעלכע ווערטער אויס, שטאַרקע און גוטע, וואָס זאָל האָבן דעם באַשווערנדיקן כח צו באַשירמען די געסלאַך דאָ און זיי צו באַהיטן — אויב נישט, אויב יידיש־שאַפן, יידישע קולטור איז נישט קיין אינערלעכע אמונה טיף אין האַרצן—טאָ, שטעל דיך אַנידער אינם געזעמל פון די דאַווענענדיקע יידן און זאָג נאָך וואָרט פאַר וואָרט, אפשר וועלן מיר דאָך אָפּגעראַטעוועט ווערן, אַלע אינאיינעם . . .

דאָס צווייטע העפטל, וואָס האָט שוין געטראָגן זיכער און שטאָלץ דעם נומער 2, איז דערשינען, ווען דאָס געסל, אין וועלכן איך האָב געוווינט, איז שוין געווען כמעט אָפּגעמעקט פון אַ „לאַנד־מיין" באָמבע.

און אַזוי־אַ האָבן מיר דערגרייכט ביז נומער 13 — אַ מזלדיקער נומער!— דאָס „סאָוויעט־רוסלאַנד"־העפטל האָט שוין געקאָסט 3 פּענעס אַ שטיק און די גאַנצע אויפלאַגע האָט זיך פאַרקויפט אין משך פון קוים 20 מינוט, ביי אַ פערזאַמלונג לכבוד סאָוויעט־רוסלאַנד אין דער „וויטשעפּלער־אַרט־גאַלעריע".

קיין גביר בין איך נאָך אַלץ נישט געוואָרן פון די העפטלעך, אָבער וויטשעפּל איז דאָך געוואָרן אַ מאַרק פאַר יידיש: מחברים, מעצענאַטן, פערלאַגן, און נישט נאָר העפטלעך — גאַנצע ביכער! און ווען איך האָב געהאַלטן ביים נומער 32 בין איך שוין נישט געווען קיין בן־יחיד מער מיט מיין סחורה:



אָבער אויך דעמלט, ווען דאָס העפטל איז געוואָרן פון 8 זייטלעך 16 און דער פּרייז 6 פּענס, איז געבליבן דער פּרינציפּ פון „חי ונושא את עצמו": אַז וויטשעפּל קאָן אַליין טראָגן יעטווידן חודש אַ ליטעראַריש קולטור העפטל, דאָס ערשט מאַכט עס עקזיסטענץ באַרעכטיקט — ביידע, וויטשעפּל און דאָס העפטל.

זייט סעפּטעמבער 1942 גייט דאָס העפטל אַרויס רעגולמעסיק יעטווידן 15־טן אין חודש און עס איז,—זינט דעם אָפּענעם קאַמף מיט דער אַסימילאַציע דאָ אין וויטשעפּל און דער באַהאַלטענער — מיט אינטריגאַנטן! — דאָס חודש־העפטל פון די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס. דער קאַמף מיט דער אַסימילאַציע בנוגע אונזערע שבת־נאָכמיטאָגס איז אויסגעגליכט געוואָרן, די גאַנצע 100 פּראָצענט לטובת יידיש. און פון די הינטערקוליסן־אינטריגעס, פון די פּערזענליכע און פּאַרטייאישע שלא־לשמה־קולטור־טעטיקייטן ווערט אַלץ מער און מער אַ לשמהדיקע. אַזוי ווילט זיך האָפן! . . .

אין די לעצטע חדשים אַרבעט מיט אין די העפטלעך „פריינט פון יידיש־לשון" און דאָס העלפט מיט דעם פאַרקויף און אויך צו דער מעגלעכקייט פון די קונסט־בילדער קלישעס און אויך, אַז די העפטלעך זאָלן קאָנען אויך האָבן טיילמאָל מער זייטלעך.

דער הייַנטיקער נומער איז דאָס פופציקסטע העפטל! און אויב מיר מאַכן אויפמערקזאַם דערויף איז עס, ווייל מיר ווילן אויף נאָך עפּעס אויפמערקזאַם מאַכן. די יידישע גאַס טומלט זיך לעצטנס שוין עפּעס צו פיל מיט פערלאַגן, מיט מעצענאַטן, אפילו שוין מיט ליטעראַטור־אַפּיל־בריוו א.א.וו., א.א.וו. מיר זיינען נישט דאַגעגן, חס וחלילה, אדרבה ואדרבה. יידישע זשורנאַלן זיינען לגמרי ניט ערגער פאַר העברעאישע ליטעראַרישע־זאַמלונגען, אין וועלכע מ'זאָגט אויך צו יידישע שרייבער און דיכטער, זיי דאַרפן צו „פּעראַייביקן", ווייל נאָך דעם חורבן אין מזרח־אייראָפּע איז דאָך מיט יידיש שוין אויס . . . אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווער ברויך דאָ אין לאָנדאָן דיק־בייכיקע העברעאישע זשורנאַלן, גיט מען צו פאַרשטיין, און מ'איז עס מסביר אויף ענגליש — העברעאישע קולטור־טוער און מעצענאַטן ריידן רק ענגליש! — אַז טאַקע ווי נאָר די מלחמה וועט זיי אויס ווערט מען די ביכער אַריבערשיקן פאַר אונזערע ברידער אין אָסטן . . . דערווייל זאָלן זיי ליגן אויף „סטאָק" . . .

די צוויי־זייטיקייט איז דאָ, ביים דעם מעמד גאַנץ גוט אויפן פּלאַץ . . . וואָרום אויב ס'וואָלט געווען איינזייטיק, איין־פּנימדיק, וואָלטן מיר אַ גאַנץ אַנדער פּנים געהאַט! כ'מיין שוין גאָר נישט אַזוי די „חשוב'ע" מעצענאַטן, נאָר דווקא דעם חשובן טייל פון אונזער „אומשטערבלעכע" קאָלעגן און חברים־שרייבער —

פּונקט ווי פאַר יענע „הויך"־פּאָליטיקער וואָס ווילן פון אונזער איצטיקער גרויסער עת־צרה אַרויסראַטעווען דעם „יתר הפּלטה", זאָלן נאָר אויך זיי, די אומשטערבלעך געראַטעוועטע, נעבעך, נישט דערלעבן זייער גרויסער פּליטה... ווילן מיר דאָ טאַקע אויפמערקזאַם מאַכן, אַז מיר (כאָטש מיר זעען איין,

אַז ייִדיש איז באַרעכטיקט צו האָבן אונטערשטיצער און מעצענאַטן, נישט ווייניקער ווי העברעאיש) האָבן מיר אַבסאָלוט נישט צו טון מיט די אַלע גענזנ־פּיסלדיקע פּערלאַגן, אַפּילו א.א.וו. — מיר האָבן מיט זיי קיין שום שייכות! —פונקט ווי מיר ווילן אויך נישט העלפן אונזערע „געפּייניקטע ברידער אין מזרח־אייראָפּע" מיט שיקן זיי אונזערע אומשטערבלעכע ווערק און „ווערקע", דאָ פון אונזערע לאַנדאַנער מחברים און „אַטאָרן", ווען די רויטע אַרמיי וועט זיי האָבן באַפרייט . . .

די „פאַנטאַזיאָרן", די „פאַנאַטיקער" פונם ייִדישן לעבעדיקן וואָרט ווילן מיר בלייבן—אַ, אַז נישט פאַרלירן מיר זאָלן דעם גלויבן אינם באַשווערנדיקן כוח פונם ייִדישן וואָרט! די קאָנטינויאיטעט פונם לעבעדיקן וואָרט דאָ אין אונזער קיבוץ ווילן מיר אָנהאַלטן — דאָס טויענדיק, מיט אַלע אונזערע כוחות און מחשבות, זיך באַמיענדיק: לערנענדיק און אין זיי זיך פאַרטיפנדיק — גלויבנדיק אין דער אומשטערבלעכקייט פונם ייִדישן געשאַפענעם וואָרט! — דערמיט וועלן די שאַפער אונזערע, אין אונזערע היימען, געראַטעוועט ווערן — — —

מיר מאַכן אויפמערקזאַם, אַז מיטן הייַנטיקן נומער האַלטן מיר שוין ביים פופציקסטן העפטל, איז ווייל מיר גלויבן, אַז פופציק ייִדישע העפטלעך אַזוי רעגלמעסיק און אַליין זיך אויסהאַלטנדיק איז אַ געוויסער סימפּטאָם פון אַן עכטן קולטור־ווילן פון אַ ייִדישן ישוב.

און מיר האָפן ווייטער צו קאָנען אָנגיין מיט דעם רעגלמעסיקן דערשייַנען פון די ליטעראַרישע העפטלעך. טאַקע יעצט ווען דער רומ"ל־טומל פון ייִדישן בוך איז שוין געוואָרן אַ פאַקט אויף אונזער ייִדישער גאַס דאָ,—ווען ס'איז שוין נישט מער נייטיק קיין סימפּטאָם פון דער לעבעדיקער עקזיסטענץ פון ייִדישן וואָרט,—האָפן מיר אַז אונזערע ליטעראַרישע קולטור העפטלעך וועלן ערשט קאָנען ווערן, נישט נאָר אַ סטימול און אַ דערמאָנען צום און פון ייִדישן שאַפן, — נאָר זיי וועלן ווערן אַן עכטער קולטור אויסדרוק פון אונזער גייסטיקן און שאַפנדיקן ישוב.

**א.נ.ש.**

---

אלגא סומך־פיליפּס (מרס. אייוואר פיליפּס) *

## סאלאמאן דזש. סאלאמאן.

סאָלאָמאָן דזש. סאָלאָמאָן איז געווען אַן אייגנציקאַרטיקע פיגור אין דער אַנגלאָ־ייִדישער געזעלשאַפט. ער איז געבוירן געוואָרן אין דרום־לאָנדאָן אינם יאָר 1860, דער פערטער זון און דאָס פיפטע קינד אין אַ מערקווירדיק באַגאַבטער און אויסערגעוויינלעכער משפחה. פון זיין פאָטער האָט ער געירשנט

---

* אָלגאַ סומך־פיליפּס איז די ביאָגראַפיע־שרייבערין מרס. אייוואר פיליפּס, וואָס האָט אויך געשריבן דאָס ביאָגראַפיע־בוך איבער דעם באַרימטן ענגלישן קאַמופלאַזש־מאָלער אין דער מלחמה 18־1914, סאָלאָמאָן דזש. סאָלאָמאָן.



בירגערלעכע טוגנטן; פון זיין מוטער, אַ ליכטנשטאַט לויט איר אָפּשטאַמונג, די קינסטלערישע פעאיקייטן, וואָס איר פּראַגער שטאַם האָט אין זיך געהאַט, פון וועמען זי איז אַרויסגעקומען, און איז אַליין געווען מאַשעלעס דעם קאָמפּאָזיטאָרס אַ געשוויסטערקינד.

אין יענע צייטן איז עס בכלל געווען אַ זעלטענע זאַך, אַז אַ ייִד זאָל זיך פאַרנעמען מיט מאָלעריי און „טאַדי", אָדער ס. דזש. ס., ווי מען פלעגט אים רופן, איז געוואָרן דער צווייטער ייִדישער קינסטלער, וואָס האָט באַקומען דעם טיטל „ראָיאַל אַרטיסט" — קעניגלעכער קינסטלער. זיין אויסבילדונג אין דער קונסט האָט ער באַקומען ביי העטהערליס און אין די שולן פון די קעניגלעכע אַקאַדעמיעס אין פּאַריז און אין מינכן.

פראַנקרייך האָט אויסגעאיבט אַ געוואַלטיקן איינפלוס אויף סאָלאָמאָנען און די גאַלישע קולטור האָט אין אים פאַרפאַלקאָמט ביז צו דער העכסטער מדרגה די האַרמאָנישקייט פון ייִד און ענגלענדער. זיינע באַרימטעסטע בילדער זענען „שמשון און דלילה" (אין דער וואַקער קונסט־גאַלעריע, ליווערפּול) און „אַלעגאָריע", וואָס שטעלט פאָר דעם ענדגילטיקן נצחון פון דער ייִדישער שליחות איבער דער וועלט. אָט דאָס דאָזיקע בילד איז איינס פון די בעסטע באַווייזן ווי אַזוי ס'איז דעם קינסטלער געלונגען אויפצוהאַלטן די גלייכגעוויכט צווישן לאָיאַליטעט צו קונסט און צו דער ייִדישער אמונה.

ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער שוין זער באַרימטער „בן עזרי" קונסט־גאַלעריע. צווישן זיינע מערצאָליקע פּאָרטרעטן, געמאָלן אין די לעצטן און פיינסטער סטילן, איז דער אויסגעצייכנטסטער געווען פון מאַדאַם פּעטריק קאַמבעל אין 1894. ער איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דעם „מכבי" קלוב — וואָס איז באַשטאַנען פון די אָנגעזעענסטע ייִדן אין די פּרייע פּראָפעסיעס.

זיין חתונה האָבן מיט עלא, טאָכטער פון הײמאַן מאָנטאַגיו, דעם זאַמלער פון זעלטענע מטבעות, פונקט ווי זיינע שוועסטער און ברידער, האָט געפירט צו פאַרבינדונגען, וואָס האָבן רייכער געמאַכט דאָס לעבן פון דעם ענגלישן יידנטום אויסערהאַלב זיינע גרענעצן. די גאַנצע משפחה זיינע איז בלאָק אין זייערע דורות איז געווען ווי אַ קהילה אין אַ קהילה.

סאָלאָמאָנס דערגרייכונגען אין דער וועלט־מלחמה פון 1914 זענען אַ קאַפּיטל געשיכטע אַן און פאַר זיך און עס איז אָן ספק אַ גליק, וואָס עס איז געלונגען זיין ביאָגראַף צו באַקומען דאָס נישט־פאַרעפנטלעכטע טאָגבוך זיינס, אין וועלכן עס זענען באַשריבן זיינע כמעט־איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו פאַרפאַלקאָמענען די קונסט פון קאַמופלאַזש פאַר דער אַרמיי. ס'איז בכלל נישט קיין איבערטרייבונג צו באַהויפּטן, אַז זיינע באַמיאונגען האָבן אָפּגעראַטעוועט טויזנטער לעבנס.

זיין ברודערזון, דזשילבערט סאָלאָמאָן, אויך אַ קינסטלער, פירט היינט־צו־טאָג אָן זיין פעטערס מלחמה־אַרבעט.

אין 1920 האָט סאָלאָמאָן פאַרעפנטלעכט אַ בוך מיטן נאָמען „סטראַטעגי־

שער קאַמופלאַזש". מיר וועלן זיך דערלויבן צו ציטירן פֿון דעם קאַפּיטל „ליטענאַנט־קאָלאָנעל סאָלאָמאָן, קאַמופליר" אין דעם בוך — „סאָלאָמאָן דזש. סאָלאָמאָן".

„ווען סאָלאָמאָן האָט זיך געהאַט אומגעקערט קיין ענגלאַנד אין 1916 האָט מען אים איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן מיט קאָלאָנעל קענט אין דעמאָנסטרירן קאַמופלאַזש אין ענגלאַנד. אַ גרויסע פֿאַראינטערעסירונג אין דעם האָבן אַרויסגעוויזן דאָס רוב מיטגלידער פֿון דער קעניגלעכער פֿאַמיליע און אַנדערע הויכגעשטעלטע לייט".

זיין בוך „אייל־מאָלעריי אין דער פּראַקטיק" האָט באַוויזן וואָס פֿאַר אַ גרויסע אויטאָריטעט ער איז געווען אויף די אינטעלעקטועלע פּראָבלעמען אין שייכות מיט מאָלן בילדער. עס קען זיין אַז אָט דאָס דאָזיקע האָט פֿאַרמינערט זיין קינסטלערישע געניאַליטעט און אים געשטערט אין פֿיל גרעסערער שעפֿערישער אַרבעט.

ער איז געשטאָרבן אין זיין קליינער פֿאַמיליען־קאָלאָניע — בירטשינגטאָן, קענט, אין 1927 און מען האָט אים קבר געווען אויפֿן ייִדישן בית־עולם אין לאָנדאָן. ער האָט איבערגעלאָזט צוויי טעכטער און איין זון.

דאָס לעצטע ווערק זיינס, אַ מנורה־צייכענונג פֿאַר דער מכבי געזעלשאַפֿט, זאָגט עדות דערויף, ווי אַזוי ער האָט באַגריפֿן דעם מהות פֿון אמת'ער ייִדישער קונסט.

---

א. אלמוג

# ייִדיש, מאַמע־לשון

מיר נויטיקן זיך מער נישט, אין דער איצטיקער צייט, אין קיין קאָלאָמבוס צו אַנטדעקן פֿאַר אונדז, אַז ייִדיש איז אַ שפּראַך! שוין לאַנג, כּמה יאָרן, ווי אָט די אַנטדעקונג איז געמאַכט געוואָרן און האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין דער גאַנצער וועלט. אָט דער דאָזיקער רעש געהערט אויך שוין צו דער געשיכטע. ימים פֿון טינט זענען פֿאַרברויכט געוואָרן אין שייכות מיט דער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט איבער דעם ייִדישן לשון, צי עס זאָל זיין אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, אָדער בלויז דאָס לשון פֿון די ברייטע פֿאָלקסמאַסן. העברייאיסטן האָבן באַקעמפֿט ייִדישיסטן און ייִדישיסטן האָבן געפֿירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן די העברייאיסטן. היינט ווייסן מיר שוין אַלע, אַז, וויניקסטנס מחוץ די גרענעצן פֿון ארץ ישראל, אויב ייִדיש גייט אונטער ערגעץ וואו, דאָרט גייט אויך העברייאיש אונטער גלייכצייטיק. (און ווער ווייסט, אפֿשר איז טאַקע דער קאַמף קעגן ייִדיש שעדלעך אפֿילו פֿאַר העברייאיש אַליין אין ארץ־ישראל? . . .).

מוזן מיר טאַקע איינזען, אַז היינט־צו־טאָג קענען מיר זיך מער נישט דערלויבן אָט דעם לוקסוס: זיך צו באַקעמפֿן איינס דאָס אַנדערע! עס איז אַבסאָלוט נויטווענדיק פֿאַרן קולטורעלן קיום פֿון אונדזער אומה — דאָס מוזן



מיר זיך קלאָר מאַכן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, ווי מיר קענען זיך נישט באַגיין אָן ייִדיש — אונדזער מוטער־שפּראַך. און אויב עס געפֿינט זיך נאָך אַ סקעפּטיקער, וואָס צווייפֿלט אין דעם, דאַרף מען אים אַריינשטעלן ווי אַ מומיע אין אַ מוזעאום, כּדי עולם זאָל קענען קומען צולויפֿן אויף חידושים!

---

אין אָנהייב, ווען ייִדיש איז נאָך געווען יונג, בעת דער כּלה־חן איז נאָך געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר, איז געקומען אליהו בחור און איר דערציילט ליבע בבא־מעשׂיות און דער שידוך האָט עולה־יפֿה געווען. פֿון איר נדן, דעם ווייסן ציגעלע מיט די ראָזשינקעס און מאַנדלען, — אַן אָרעמער כּלה'ס נדן — איז דער מאַמע, ייִדיש־לשון, אַרויסגעקומען אַ גרויס עשירות, מיט וועלכן זי קען מיט רעכט שטאָלצירן.

שפּעטער, פֿיל שפּעטער, האָט דער זיידע, ר' מענדעלע מוכר־ספֿרים, איר געשענקט אַ „ווינטש־פֿינגערל" מיט ייִדישע שטעטלעך לרוב. גלופּסק און קאַבצאַנסק האָבן אפֿשר נישט געהאַט קיין זייער גרויסן ווערט אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק. עס איז אָבער נישט געבליבן בלויז ביי דעם. באַלד איז צוגעקומען אַ נגידישער יעהופּעץ און אויך אַ בויבעריק, וואָס אַ זון, שלום עליכם, האָט איר געשענקט. דאָס פֿאַרמעגן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און אַן אַנדערער ליבער זון, יצחק לייבוש פּרץ, האָט איר געשענקט „די גאָלדענע קייט" — אַ צירונג, שוין אַ שטאָלץ פֿאַר לייטן. און אויב מען האָט נאָך געבאָרגט „דאָס קאַפּיטאַל" ביי קאַרל מאַרקסן און „געלט" ביי עמיל זאָלאַן, איז עס געווען, כּדי אָפּצוצאָלן מיט פּראָצענט . . .

איצט האָט שוין די מאַמע פּוילישע שטעטלעך מיט גבירים, ווי ר' שלמה נגיד, פֿון שלום אַשן; אויך גרעסערע כּרכים. „פּוילישע וועלדער" — קוואַלן פֿון ראָמאַנטיק און פּרנסה פֿאַר ייִדן, וואָס אָפּאַטאָשו האָט איר געשענקט, אַזוי אַז פֿון די פֿאַר אָרעמע פּראָווינצן איז אויסגעוואַקסן אַן אימפּעריע, איבער וועלכער די זון גייט קיינמאָל נישט אונטער, ווייל זי איז צעשפּרייט איבער שבעה ימים. און בערגלזאָנס „אַרום וואָקזאַל" איז שוין אַן אויסגאַנגס־פּונקט אויף ווייטע רעאַליסטישע נסיעות.

אויך דאָס צירונג האַלט זיך אין איין פֿאַרמערן. די מאַמע האָט שוין, אַ חוץ דעם „ווינטש־פֿינגערל" און „דער גאָלדענער קייט", „ווידזיאָנען מיט איידל־שטיינער", פֿון משה עובדן, און „פּערל", פֿון י. י. זינגער, און נאָך אַ סך אין לשער. משמעות באַקומט זי אינגיכן „ברילליאַנטן", פֿון אסתר קרייטמאַן.

אַזוי שיין און אויסגעצירט איז מאַמע־ייִדיש, אַז אירע קינדער האָבן שוין מערערע מאָל געזאָגט ווי זיי האָבן זי ליב! און ווער קען זי נישט ליב האָבן? אַז דאָס האָט זי דאָך אויפֿגעוועקט די מוזע ביי אירע זין און טעכטער! אונטער איר איינפֿלוס האָבן מיר דערהערט דאָס געזאַנג פֿון דער גאָלדענער פּאַווע און זיך אויסגעלערנט נאָכזינגען . . . אַפֿילו גויִשע טייכן, ווי די ווייסל, די טעמזע און דער האָדסאָן, ביי וועלכע אונדזערע האַרפֿעס זענען נישט געהאָנגען, האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן צו זינגען אויף אונדזער מאַמע־לשון. יאָ, ביסט אונדז באמת

טייער מאַמע־יידיש !! פֿאַרגעסן מיר דיך, לייגט זיך דעמלט אונזער צונג מער נישט צו געזאַנג, און געווײַן שטערט אונזערע קינדער צו שלאָפֿן במנוחה . . .

ווי גרויס אָבער עס זאָל נישט זײַן די ליבע צו דער מאַמען, האַלט מען זי דאָך נישט ערלעך ווי עס געהער צו זײַן . . . ווי אָפֿט באַנוצט מען זיך מיט ווערטער, וואָס פֿאַרשאַפֿן איר נאָר עגמת נפש ! . . . טיילמאָל צעקאַלעטשען זיי זי גאָר אויך . . . ווי שטעלט מען עס זיך אַזוי אונטער צו פֿאַרלעצן אירע געפֿילן ? ווי באַנוצט מען זיך דאָס מיט ווערטער, וואָס זי קען נישט פֿאַרטראָגן ? !

קוים, חלילה, שטאַרבט די מאַמע יידיש, וואָס וועט דעמלט געשעען מיט אונזער מוח ?

ס׳האָט די מאַמע געהאַט אויך אומגעטרייע קינדער און די דאָזיקע האָבן פֿון איר נישט געוואָלט וויסן. מחמת דעם, טאַקע, האָבן אַ צאָל פֿון זיי, וואָס זענען געבליבן אומגעטריי לגבי איר, מער ווי גרילצן נישט געקענט און די, וואָס האָבן שוין יאָ געהאַט מזל צו זינגען אויף אַנדערע לשונות, האָבן אויך קיין גרויס פֿרייד דערפֿון נישט געהאַט. מאָסן פּונם פֿאָלק האָבן פֿאַרגעסן זייער פֿאָלקסליד, ווײַל ווען די יידישע נשמה איז נישט באַהאַפֿטן מיט יידיש־לשון, הערט די צונג אויף צו זײַן מסוגל צו זינגען און גויש ליד איז עפּעס אַזאַ אומהיימלעכער גאַסט אין יידישער שטוב, אַפֿילו ווען פֿאַרבעטן ! . . .

ניין ; מיר מוזן זוכן נישט צו פֿאַרקירצן אונזער מאַמעס יאָרן מיט די ווערטער, וואָס מיר געברויכן ! אויף דער וואָך דאַרפֿן מיר שטיק אַכטונג צו געבן, אַז אויסדרוקן, וועלכע זי קען נישט נעמען אין מויל אַריין, ווײַל זיי זענען סם, זאָלן צו אירע אויערן נישט קומען !

---

עס איז שוין אַן אַלטע מעשה, אַז לאָנדאָן איז בלויז אַן עיר מקלט : דאָ וואוינען יידן. דאָ לעבן זיי נישט ! נישט שלום עליכם, נישט קיין אַנדערער שרײַבער, האָט דאָ געפֿונען דעם „רוח־חיים“, אַן אַטמאָספֿערע פֿאַר זײַן גײַסט — אַליין צו לעבן און צו געפֿינען אַן אויסדרוק. און הגם זײַן אויסגעשריי : „לאָנדאָן, וואָס ברענסטו נישט ? !“ איז שוין איצט אַביסל אויסגעדראָשן . . . האָבן אַנדערע זיך דאָך אויך באַנוצט מיט אים.

לעצטנס האָט זיך די לאַגע מערסטנטיילס געבעסערט. נאָך אַ לאַנגן, לעטאַרגישן שלאָף, איז דאָ אַרײַנגעקומען אַביסל לעבעדיקייט. אפֿשר איז דאָס פֿאַרדינסט פֿון די יידישע שרײַבער, פּליטים פֿון דײַטשלאַנד. היגע תּושבים אַליין זענען אויך מאַלעבט געוואָרן. עס האָט ווידער אויפֿגעלעבט, מער ווי־ניקער, דאָס יידישע בוך דאָ. כן ירבו. אין דער זעלביקער צײַט באַמערקט זיך אָבער אַ טענדענץ ביים רוב שרײַבער נישט מקפּיד צו זײַן אויף יידישער גראַמאַטיק און דער עיקר אויף געהעריקן אויסלייג. די גרעסטע חטאָים אין אָט דער היגזיכט זענען די יידישיסטן אַליין און עס פֿרעגט זיך : פֿאַרוואָס זענען זיי אַזוי ווייניק מדקדק אין זייערע ווערטער ? . . .

די אויפֿגאַבע פֿון דעם דיכטער און נאָוועליסט איז דאָך נישט בלויז צו פֿאַרווײַלן דעם עולם, אָדער אים צו לערנען מוסר, נאָר טאַקע אים ערשטן



פֿאַל צו שרײַבן אַ יידיש וואָרט ווי געהעריק ! טאָ ווי קומט עס, וואָס מען באַנוצט זיך אַזוי לײַכטזיניק מיט אונזער שפּראַך ?

מיר האָבן צוויי אָרטאָגראַפֿיעס : אַן אַלטע און אַ נײַע. ביידע זענען לאָגיש. נאָר די נײַע האָט נאָך נישט געפֿונען איר ענדגילטיקע פֿאָרם. הייסט עס, אַז דער שרײַבער קען זיך אויסקלײַבן אויף וועלכער אָרטאָגראַפֿיע ער וויל שרײַבן. און האָט מען געמאַכט דעם אויסוואַל, מוז מען בלײַבן אויסגעהאַלטן. ווען נישט הרגעט מען אַליין אויעק דאָס לשון, וואָס מען האָט אַזוי ליב . . . .

דער כאָאָס מוז אויפֿהערן ! יעדער דערציילער, דיכטער און נאָוועליסט, — זשורנאַליסט על אחת כמה וכמה ! — מוז זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון, ווי אַזוי זיי באַנוצן זיך מיט די ווערטער. דער אַמאָליקער משכיל האָט זיך געלערנט שרײַבן בײַ די נביאים פֿון תּנ״ך, יידישע שרײַבער דאַרפֿן זיך לערנען פֿון דעם „זיידן און די טאַטעס“ פֿון דער יידישער ליטעראַטור !

---

א. נ. שטענצל

# „לאנדאן־בליץ“ נומער צווי

(וואַריאַציעס)

.1

בלינדע מאַטן פֿון קליידער, פֿון צעפּרעסענע,
פֿון גריזשנדיקע לעכער אַרויסגעפֿלויגן,
מיט יעדן מינדסטן באַוועג אין דער ליכטיקייט,
אויף אַש צו צעשטויבן זייערע פֿליגל נאָך טויגן —

אַנגעשטויסן אין דער וואַנט זיך, אינם סופֿיט,
און קיין געדעכעניש פֿון זיי ס׳איז נישט געבליבן, —
בלינדע מאַטן פֿון קליידער, פֿון צעפּרעסענע,
אין אָנגעצונדענע ליכט־פֿלאַמען געטריבן !

יאָ, דאָס הייפּעלע אַש, דאָס קופּקעלע מיט שטויב,
עס מוז שוין אַראָפּפֿאַלן ערגעץ־ווו לײַדער — — —
מ׳האָט דאָך זיי כאַפּוען געלאָזט און זאָט זיך פֿרעסן,
לעכער זיך גריזשענדיק אין וואַרעמע קליידער . . .

.2

אין אַ טוכלען קעלער, אַ פֿינסטער־געוועלבטן,
אַ שפּינען־צעוועבטן, אַ פֿייכטן פֿאַרשטויבטן,
פֿלאַטערמויז, אויפֿגעציטערטע צעצאַפּלטע,
אין אַ גרילן־געגרילץ, פֿאַרמאַטערט־פֿאַרטויבטן,

אין נאָס־פאַרפאַפטן סופיט קלעבן צו בלייבן,
איינגעגראַטשט זיך אין דעם געוועלבטן־גלאַטן,
אין די פינסטערנישן, גליטשיקע געדיכטע,
אַראָפּצופאַלן פאַר טשאַטעוודיקע ראַטן,

אַ זאַטער פּרעס, אַ תאוהדיקער, באַטעמטער,
פאַר קרימעניש פון פאַרדיקענדיקע בייכער,
אַזוי פליען די אין האַרמאַטן געקנאַל,
אַז ס׳זאָל נישט איבעריק בלייבן פון זיי קיין זכר.

.3

נישט בלוט־זויגנדיקע שפּאַנישע פליגן מער,
זיי האַלטן אונז אונטער די אויערן געלעגן,
זשומען אַצינד די געראַוישן אין די שלייפן,
קוליענדיק אונזערע בליקן מיט אימהדיק פרעגן,—

פליגעלעך אין שפּין־געוועבן איינגעוועבטע,
פון פלינקע שפּינען צו ווערן אויסגעזויגן,
צאַפּלען די באָמבערס אין דעם שטראַלן געשפּין,
צום שפּיל פון אונזערע צעפּונקלטע אויגן — —

לאַנגע צעפּאַכעטע, ניוכענדיק־זוכענדיק,
זייענען ליכטיק צעשטראַלטע אונזערע ברעמען!
דער זיג אַצינד פינקלט אין אונזערע אויגן,
זיי לעשן זיך נישט מער מיט שרעק און מיט שעמען.

.4

דאָס הערלעכע שפּיל פון אַ צעפלאַמטן באָמבער —
איבער פינסטערן הימל אַ רעגן־בויגן!
דער צייכן פון שנעלן, פון באַלדיקן שלום
לייכט מענטשלעך אויף אין אָנגעצונדענע אויגן!

און די האַרמאַטן אַרום, די ווילד־צעהילכטע —
פאַר קומענדיקן נצחון די סאַלוטן!
די שיין־וואַרפערס — די בענגאַלישע פייערן:
מיר האָבן מנצח געווען דעם „נישט־גוטן" —

זיצן דען מענטשן אין די צעזשומטע באָמבערס?
זיי ווערן דאָך אָנגעפירט פון ראַדיאָ־וועלן!...



די פילאָטן — אַפּאַראַטן נאָר אַזעלכע —
שדים וואָס ווילן זיך אין מענטשן פאַרשטעלן — — —

.5

געפלאַטער פון פליגל פון גוטע מלאכים,
בשורות צו ברענגען פון איין וועלט־טייל צום צווייטן,
רחבותדיקע שפע און נחתדיקע פרייד,
איבער דער ערד מיט פולער האַנט צו פאַרשפּרייטן.

דער וווּנדערלעכער, דער פרייער פעניקס פויגל,
די האָפערדיקע פרייד פון מענטשלעכע אויגן,
נישט אויף צוצעשטערן, נישט חרוב צו מאַכן,
איז ער פון גליקלעכע גלויבנס אויפגעפלויגן.

געפלאַטער פון פליגל פון גוטע מלאכים,
די וועלט פון איר גרויליקן גורל צו דערלייזן — —
זע ווי זיי ראַנגלען, ווי וווּנדערלעך געוואַלטיק,
ווי זיי באַזיגן דעם נישט־גוטן, דעם בייזן.

# פ א ר ש ט ע ל ט ע

(אַ פּורים־באַלאַדע)

שלח־מנות—דאַמבן.

אויף זיין געמבע קיין סימן פון באָרד נישט, —
צווישן פאות ס׳קוקט אַרויס אַ קינד! —
פאַר אַ בלבול זיין פאָטער געהאָנגען,
איז ער זיין ממלא־מקום אַצינד.

זיצט ער, אַ שאַרבן אַ צעבראָכענער,
דער יקנגיטשקער רב ביים לײדיקן טיש;
ביים קאַלטן אויוון שטייט זיין רביצין
מיט אויגן שווין ווי ביי אַ טויטן פיש:

וויפיל זיי האָבן זיך שוין אָנגעוויינט,
העבגט אַלץ אויף זייערע וויעס אַ טרער!
אַז וואָס איז זי איבגאַנצן מ׳שטיקנס געזאָגט —
אַ יינג־בלוט, אַ קינד נאָך, פונקט ווי ער.

קוקט זי אויף אים, קיין בליק ניט צו פארלירן,
האט ער נישט א פנים שוין פונקט ווי א מת ?
מיט לעצטן כוח די מגילה איר געלייענט,
געציטערט ס׳האט יעדעס ווארט ווי א נס.

און זיין קול : וב־ה־גיע תור אס־תר — —
קאן איר גארנישט ארויס פון קאפ !
ווי יאן עגבער עס בויערט זיך אלץ טיפער,
דער אמאל אזוי פריילעך געדרייטער טראפ — — —

געפילטער פורים־קוילעטש, קרעפל־פלייש — —
וואלט א כזית חלה כאטש געווען !
קאן מען ציילן דעם מאן אין המן־טאש ?
אזוי די לייזן כסדר וואס געשען —

— — — — — — — — — — — — —

רופט זיך אן דער רב צו דער רביצין,
זיין בליק מיט אמאל בגלהפנדיק צעבליצט :
„איז דיר געזונקען א שיף סמעטענע,
רביצין ? ס׳איז דאך סעודת־פורים איצט !

„מיינסט דו, אז נאר אונזער שטוב אליין
זעט אזוי מרה־שחורהדיק אצינד אויס ?
ס׳ליגט אן אומעט א שרעקלעכער, פינסטערער,
אויסגעגאסן אין יעדן ייִדישן הויז —

„א, דער שונא, דער ביטערער אכזר,
דעם „עד דלא ידע״ מקיים איז ער גוט !
ווי פארשכורט, ווי פארכלינעט,
עס גיסט זיך דאס אונזער אומשולדיק בלוט.

„מוחז מען זיך שטארקן, אים גובר זיין,
פורימדיק פארשטעלן קאן מען זיך דאך !
יא, ווי פריילעך ס׳קאן זיך דאס גראמען
א יאמערדיק ליד מיט אך אין מיט בראך — —

„טא טו טאקע אן מיין קאפטן, מיין ספאדיק,
און דיינע ספודניצעס געב מיר, דיין הויב,



און פון שטוב צו שטוב מיר וועלן גיין,
משמח זיין יידן איז גאטס גרעסטע לויב״ —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

גייט פון איין זייט דער רב מיט דער רביצין,
צו טראגן פרייד פון הויז צו הויז ;
פון דער אנדערער זייט גייען די רוצחים,
פאר שאנד־הויז ייִדישע טעכטער נעמען זיי ארויס.

ווער האט כוח נאך צו לאכן, ווער צו וויינען !
כאטש נעמען א חלף און זיך קוילען ווי שאף — —
אין דער אפענער טיר שטייען די רוצחים !
און א געשאסענער אויף ד׳ערד דער „רב״ !

„כא־כא־כא ! פאר אפיציר, פאר גענעראל,
די פרוי ראבינערין האלטן מען וועט !״
אבער העכער צעלאכט זיך דער פארשטעלטער :
„און אויף וויפיל גייט איר אין א געוועט,

„אז נישט פאר אפיציר און נישט פאר גענעראל — — ״
עס האט דער רב זיינע ווערטער נישט דערעדט,
זיין געלעכטער אבער — „עד דלא ידע״ !
עס וועט איבערבלייבן לעולם־ועד.

---

י. ביטש

## ערב-פסחדיק

געווידמעט אונזער 50־טן העפטל.

צעעפענט די פענסטער, פראלט אויף די טירן,
זאל אריינקומען דער מלך פון גלאנץ און פראכט ;
לכבוד פסח מיט זונען גאלד די וועגט באצירן,
עס איז די ליכטיקע צייט פון זייער קראפט.

די אבגעווייסטע הייזלעך שמייכלען מיט ליבע,
דער טייך צעקלונגען פון טובלען די ווייס־רויטע כוסות,
געווארפן שוין די ארבייט, פארטריבן די טעג די טריבע,
צעשמעקט קומען ריחות פון געפעפערטע פיש און חרוסת.

וואָך איז דאָס יידישע געסל מיט רעש געפילדער,
געקנאַל פון בעל־עגלהישע בייטשן שניידט דורך די לופט;
דעם יום־טוב איינגעבעטן, חמצדיקע כלים ליגן שוין באַזונדער,
פון יעדן ווינקל שיינט און שמעקט מיט פרישן דופט.

דער זיידע האָט דאָס לייכטע מלבוש באַקוקט,
אַ באַנייטער גייט מיט זיין אייגענעם וועג;
דעם שווערן פעלץ אויפן בוידעם פאַרוקט,
יאָגט, טרייבט, חס ושלום נישט זיין צו שפּעט.

אויף דער מאַמעס פּנים ליגט זיך זיס אַ שמייכעל,
זי גייט דעם ליבן יום־טוב גאַסט אַנטקעגן.
דער ווייַן אַ צעפינקלטער ווי ס׳הימיש פרילינג טייכל,
צעשטראַלט פון נחת הערן דעם יינגסטן די פיר קשיות פרעגן.

פאַר אַן עין־הרע אָנגעטאָן די רויטע קרעלן,
דאָס צירונג באַמבלט אויף איר ברוסט ווי זילבערנע גלעקלעך;
אין אַ רייע פאַר יעדן די כוסות אויסשטעלן,
פאַרפלאָנטערט אין ליכט צעגליט די רויטע בעקלעך.

מען גריסט זיך מיט אַ גוט יום־טוב אַ ברייטן,
יעדער איילט פון שול אַהיים געשווינט;
עס פינקלט אין אַלע עקן אויף דעם טיש געגרייטן,
צו די כוסות זיך נעמען אַלע אַצינד.

דער טאַטע פראַוועט די באַפרייאונגס־צייט,
און טיילט מכות צו די פּרעה׳ס אָן אַ צאָל —
ווי וואָלט איך ווי מיין טאַטע אויף הסבה־בעט אָנגעלענט,
און געטיילט זיי מכות איצט, פּונקט ווי אַמאָל.

---

## ס. פּאַלמע אַ בעל־יובל

אין צרות און אין לייד, אָבער עס רוקט זיך פאָרט די צייט! און אַז דער וויזער איז אָפּגעבראָכן איז עס דאָך אַזוי ביז אין דער אומענדלאָזיקייט, חלילה.

אונזערע באַוווּסטע שרייבער ווי לעאָ קעניג און א. מ. פוקס, אַז זיי זיינען געוואָרן יובילאַרן און מיר דאָ האָבן זיי לגמרי פאַרגעסן, ווערט אָבער פאַר־צייכנט דער דאַטום אין יענע קיבוצים וווּ דער פּולס פון אונזער ליטעראַטור און קולטור־לעבן קלאַפּט פּינקטלעכער און העכער.

(המשך ז. 16).



(פּאַלמעס ערשט ליד געדרוקט אין „דאָס נייע לעבן“, לאָנדאָן, 1916.)

## שרעק

כ׳האָב געקוקט אין גאַס אַרויס,
געהערט נאָר בלאָזן בלויז,
אַזוי ווילד;
ס׳האָט דער ווינט געשטערט מיין רו,
ס׳האָט זיך פון אַ ווייטקייט ווו
הינט צעבילט . . .

האַלטן הינט אָן דעם געשריי, —
ווער זשע שרעקט דאָס זיי אַזוי
מיט אַ מאַכט?
האָבן זיי דען אויך דערפילט,
ווי דער ווינט האָט זיך צעשפּילט
אין דער נאַכט?

כ׳בין שוין גרויס און שרעק מיך ווייניג, —
כ׳בין אַליין פון נאַכט דער קעניג
כ׳בין באַוואַכט . . .
כ׳בלאָנדזשע אום ווען אַלע שלאָפן,
שלאָפן,
ן׳ שפּעטערע נאַכט . . .



ס. פּאַלמעס—מאַמע און קינד. (פון אַ בראָנז).

די ווידער וואָס ווילן דורכאויס, אַז מ׳זאָל פון זיי הערן איבער דער גאַנצער וועלט פראַוועןן אַליין זייערע יובילעאומס מיט גרויסן טראַסק.

אָבער עס וואָלט זיכער געווען אַ גרויסע עולה פון אונז דאָ, ווען מיר זאָלן אינגאַנצן פאַרגעסן אין די, וואָס נעמען אַנטייל אינם גייסטיקן שאַפן פון אונזער ישוב דאָ; פאַרזען צומאָל דעם איינציקן ליכטיק יום־טוב טאָג וואָס ער מוז כאַטש אַרויסשיינען אין די צענדליקער יאָרן פון גרויער אַרבעט. נישט אָנמערקן צומאָל דעם מיילשטיין אין דעם שווערן וועג פיל מיט שטרויכלשטיינער פון אַ יידישן פּאָעט דאָ אין פאַרוואָרלאָזטן לאָנדאָן.

און ס. פּאַלמעס וועג האָט נאָך פיל מער שטרויכלנישן, ווייל פּאַלמע פּרוווט זיך אויף אַלע געביטן פון דער קונסט. ווי אַ שרייבער שרייבט פּאַלמע געדיכטע (צוויי בענדער), פּראָזע (צוויי בענדער) און אַ דראַמע האָט ער לעצטנס געשריבן (אויפגעפירט פון מאַרק מאַרקאָוו) און פון צייט צו צייט שרייבט ער אַרטיקלען אונטער דעם פּסעוודאָנים אַלגאַריער.

ער האָט אויך יאָרן לאַנג געפּרוווט אין באַלעט און אין די גאַלעריען זעט מען אָפט זיינס אַ געמאָלט בילד און אין ביכער אַ צייכנונג פון אים, אָדער אַ סקולפּטור. ער שאַפט אויך אַליין מוזיק צו זיינע לידער!

אין אונזער קיבוץ דאָ איז ס. פּאַלמע אָן שום ספק אַן אוניקום אין זיין אַרט! עס איז אַ שווער דאָרנדיקער וועג. נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק שוין, ווען ס׳איז דערשינען זיין ערשט בוך „רויטע רויזן“, האָט ער דעם דאָרנדיקן וועג זיינעם — אונזערן! — געפּרוווט באַפּלאַנצן מיט רויזן און בלומען.

צו זיין יובילעאום ווינטשן מיר אים כוח און מוט ווייטער צו קאָנען אָנגיין מיט זיין אַרבעט, אויף אַלע זיינע געביטן.

א. נ. ש.

---

**יידיש ליטעראַרישע שבת-נאַכמיטאָגס**

**אין יידישן רידינג-רום, 38 אדלער סט.—3 אזייגער נאַכמיטאָג**

שבת, דעם 18־טן מערץ, וועט דער פּאָעט י. ה. לעווי האַלטן אַ פאָרטראָג: וואָס קענען מיר יידן געווינען אין דעם קריג. ער וועט אויך פאָרלייענען פון זיין נייעם בוך. עס באַטייליקן זיך נאָך י. ביעטש און אייזיק גאָלדבערג.

שבת, דעם 25־טן מערץ, וועט אליהו פּאָלושאַק האַלטן אַ פאָרטראָג: אַן אַרמיי גייט נאָך אייראָפּע. דאָראַ דימאַנט וועט רעציטירן היינע.

שבת, דעם 1־טן אַפּריל, די טראַדיציאָנעלע שבת־הגדול פייערונג.

שבת, דעם 8־טן אַפּריל, דעם ערשטן טאָג פּסח וועט זיין אַ שבת לכבוד פּסח. חזן ראטה וועט זינגען יידישע חד־גדיא׳ס און אַנדערע פּסח־לידער. מ׳וועט לייענען שלום־עליכם׳ס באַקאַנטע פּסח הומאָרעסקעס.

**א. נ. שטענצל**

---

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סט., א.1.





# א פּסח און פּרץ העפטל

## חד גדיא

פאַריידישט פון י. ל. פּרץ

דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
פון ערגעץ־וואו געבראַכט,—
פאַר צוויי גילדוין אַ ציגעלע
די קינדערלעך געשענקט.
פאַר צוויי־גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

טאַנצט אַרום דאָס ציגעלע
דאָס ווייסינקע אין הויף.
איז אַ שוואַרצע קאַץ פאַראַן,
כאַפּט זי, פרעסט עס אויף.
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.

היט זיך, היט זיך, קעצעלע,
דער הונט איז אויפן פּלאַץ!
ער גיט אַ ביל, ער גיט אַ שפּרונג, —
אַן עק שוין פון דער קאַץ!

אויסגעצויגן ליגט זי שוין
צעביסן און דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין, דאָס ציגעלע.